# נייעס איבערזיכט פון דער וואך:

(פארזעצונג פון זייט 11)

א סטעיט דעפארטמענט באאמטער האט באשטעטיגט אז אן אמעריקאנער מיליטערישער עראפלאן איז אריינגעפלויגן אין די שוועדישע לופט טעריטאריע אן בעטן ערלויבעניש פון די דארטיגע אינסטאנצן, ער האט פארשפראכן אז אמעריקע וועט אין דער צוקונפט נעמען די נויטיגע שריט צו פארזיכערן די שוועדישע אינסטאנצען אז אויב עס פאסירט נאכאמאל אזא אינצידענט, וועט אמעריקע זיי מעלדן פון פאראויס.

די רוסישע רעגירונג האט זיך אנטזאגט צו קאמענטירן.

## אוקריינער סאלדאטן אנטלויפן קיין רוסלאנד

דער הויפט רוסישער גרעניץ באאמטער אינעם ראסטאוו ראיאן וואסילי מאלאיעוו האט מאנטאג באריכטעט אז 438 אוקריינער סאלדאטן זענען אריבער די גרעניץ קיין רוסלאנד. ער זאגט אז די סאלדאטן האבן איינפאך דעפעקטירט פון די קיעוו רעגירונג און אריבער קיין רוסלאנד וואס האט יעדן פון זיי ערלויבט אריינצוקומען. מאליאעוו האט צוגעגעבן אז 180 פון זיי האבן שפעטער פארלאנגט צוריקצוגיין קיין אוקריינע און זייער פארלאנג איז נאכגעגעבן געווארן. דאס רוסישע קריגס מיניסטעריום האט נישט געוואלט רעאגירן אויף דעם באריכט.

א ווארטזאגער פאר'ן אוקריינער מיליטער אינעם מזרח ראיאן, אלעקסיי דמיטראשקאווסקי, האט אויך באשטעטיגט אז א גרופע אוקריינער סאלדאטן פון א בריגאדע זענען אריבער די גרעניץ קיין רוסלאנד, אבער ער האט דערציילט גאר אן אנדערע ווערסיע פון די געשיכטע, זאגענדיג אז זיי זענען געצווינגען געווארן צו אנטלויפן צו די רוסישע טעריטאריע נאכדעם וואס זייער בריגאדע איז אטאקירט געווארן דורך א גרופע באוואפנטע רעבעלן וואס האבן זיי עטליכע שעה נאכאנאנד באשאסן מיט מארטאר שעלס און גראד מיסילס. די בריגאדע האט דאן באשלאסן זיך צו צעטיילן אויף 2 גרופעס וואס איינס איז אנטלאפן און זיך אנגעשלאסן מיט אן אנדערע איינהייט, און די אנדערע גרופע איז געבליבן און צוריקגעשאסן אויף די רעבעלן ביז זיי האבן אויסגענוצט זייער מוניציאן, און האבן שנעל איבערגעלאזט זייערע פאזיציעס און אנטלאפן ביז זיי האבן דערגרייכט א פארזיכערט פלאץ ביי א רוסישן גרעניץ דורכגאנג. דמיטראשקאווסקי האט אויך נישט באשטעטיגט די צאל סאלדאטן וואס דער רוסישער באאמטער האט אנגעגעבן, זאגענדיג אז מען קיינמאל נישט גלויבן די רוסן מיט די צאל וואס זיי געבן אלץ אן.

גלייכצייטיג האט א פראמינענטע נייעס קוואל באריכטעט מאנטאג אז די רוסישע עיר פארס האט אנגעהויבן א רייע מיליטערישע "דרילס" אינעם מערב ראיאן פון לאנד, וואס ווערט קלאר באטראכט אז רוסלאנד גרייט זיך פאר פרישע אוואנטורעס אין אוקריינע. די מאנעווערס האלטן אן די גאנצע וואך, און איבער רוסישע 100 מיליטערישע פליגער און העליקאפטערס נעמען אנטייל דערין.

## טויזענטער איינוואוינער אנטלויפן פון לבנון

טויזענטער לעבענאזער איינוואוינער פון די שטאט ארסאל אין מזרח לבנון נישט ווייט פון די סיריער גרעניץ, אריינגערעכנט הונדערטער סיריער פליטים וועלכע האבן זיך דארט אויפגעהאלטן לעצטענס, זענען מאנטאג אנטלאפן מיט זייער גאנצע האב און גוטס, נאכדעם וואס א גרופע על-קאידא פארבינדעטע מיליטאנטאן פון סיריע האבן זיך אריבערגעכאפט די גרעניץ אריין קיין לבנון. דאס איז דאס ערשטע מאל זינט'ן אנהויב פון דעם סיריער קאנפליקט 3 יאר צוריק, וואס אזא גרויסע צאל מיליטאנטן כאפן זיך אריבער פון סיריע קיין לבנון.

די שווערע שלאכטן אין ארסאל האלטן שוין עטליכע טעג וואו 17 לעבאנאזער סאלדאטן זענען אומגעקומען, און 86 זענען פארוואונדעט געווארן און איבער 20 פעלן. די רעגירונג איז שטארק באזארגט אז לבנון וועט ווערן א פרישער פראנט אינעם סיריער

(פארזעצונג אויף זייט 30)


שנת "מזלא טבא וגדיא יאה יבוא אל החתן ואל הכלה יחיו" לפ"ק

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה

למזל טוב

קול חתן וקול כלה

ישימם א' כאפרים וכמנשה כשרה רבקה רחל ולאה
שיר וקול תודה להקב"ה על חסדו הגדול עלינו השפיע
רב טובו שהחיינו והגיענו לעידן חדוותא שמחת אפריון
אבותינו הקדושים בזכותם תפלה נעריך ונשא
לא עזבונו חסדיך ה' אלוקינו עד הנה ואל תטשנו לנצח
אור חדש על ציון תאיר ונזכה כולנו להתברך בחיי אריכי
בבני מעליא ומזוני רויחי סיעתא דשמיא והצלחה
רוה נחת גדודיה צמחה תברך עטרת שנות חיים בטוב
השלם זה הבנין לאות ולתפארת בסימן ובמזל
מהרה בביאו"צ מה נאוו על ההרים רגלי מבשר טוב

מתוך שבח והודי' לא-ל יתברך על כל הטוב אשר גמלנו, ולזמן הזה בשמחה וגיל קימנו והגיענו, כה יתן ה' וכה יוסיף לבל ימוש חסדו מאתנו, מתכבדים אנו בזה להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה, את מעלת כבודכם הע"י. לבוא לקחת חבל בשמחתינו ולהתעלס אתנו באהבים, בחגיגת כלולת בנינו היקר שיחי' ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש בנש"ק

מו"ה ישראל אברהם נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה בתש"ק

מרת הענא חיה תחי'

אשר נחוג בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ב' פרשת עקב

חמשה עשר באב שנת תשע"ד לפ"ק הבעל"ט

קבלת פנים בשעה 5:30 והחופה בשעה 6:30

באולם קונקורד

רח' כנרת 2 בני ברק

ובעזהשי"ת ביום שמחתכם ובמועדיכם נשמח גם אנו אתכם

ידידכם המחכה לקבל פניכם בשמחה

הורי החתן
משה יחזקאל לויפער ובו"ב
ברוקלין, ניו יארק

הורי הכלה
מנחם מענדיל הלוי גאלדשטיין ובו"ב
קרית וויזניץ, בני ברק


# אינטערנציאנאלע אויספארשער ביים פלאץ פונעם מאלאזיער עראפלאן קראך

**שווערע שלאכטן פארגעזעצט צווישן די סעפעראטיסטן און די אוקריינער רעגירונג קרעפטן**

דאניעטסק, אוקריינע. - צענדליגער אינטערנציאנאלע אויספארשער פון האלאנד און אוסטראליע צוזאמען מיט באאבאכטער פון די "או. עס. סי. אי." זענען אנגעקומען צום פלאץ וואו דער מאלאזיער עראפלאן האט אראפגעקראכט עטליכע וואכן צוריק, וואס געפינט זיך אינדרויסן פון די שטאט כראבאוו. זייער ארבייט איז אויפצוזוכן די איבערבלייבענישן פון די אומגעקומענע וואס מען האט נאך דערווייל נישט אידענטיציפירט, און אויך אויפצוזוכן נאך ברוכווארג פונעם עראפלאן וואס וועט מעגליך העלפן צו דערגיין מער איינצעלהייטן איבער דעם קראך. אויך וועלן זיי זוכן זאכן וואס האבן באלאנגט פאר די פאסאזשירן און דאס פרובירן אפצוגעבן צו זייערע פאמיליעס.

די גרופע איז געפארן אין עטליכע קארס פון דאניעטסק און אויפן וועג האט זיך אנגעשלאסן א גרופע פון אינטערנציאנאלן רויטן קרייץ., זיי האבן געהערט פונדערווייטנס שווערע שיסערייען ווען זיי זענען אנגעקומען צום קראך פלאץ.

אין זעלבן טאג, פרייטאג 6 אזייגער פארטאגס האבן אנגעהאלטן שווערע שלאכטן צווישן די פרא-רוסישע סעפעראטיסטן און אוקריינער מיליטער, ווען די סעפעראטיסטן האבן געשאסן אויף א קאנוואי פונעם מיליטער, אינדרויסן פון שטעטל שאקטארסק וואס איז 12 מייל ווייט פון קראך פלאץ, וואו 10 אוקריינער סאלדאטן זענען אומגעקומען.

ביידע זייטן אינעם קאנפליקט האבן זיך שוין דאנערשטאג פארפליכטעט צו א פייער-אפשטעל ביים קראך שטח, וואס איז פארגעשלאגן געווארן דורך דעם "יו-ען" גענעראל סעקרעטאר באן קי-מון און האט געזאלט אנהאלטן 24 שעה אלס א "טאג פון שטילקייט", אבער די אטאקע אויפ'ן אוקריינער קאנוואי האט פאסירט הארט פאר עס האבן זיך געענדיגט די 24 שעה, און א ווארטזאגער פאר די אוקריינער זיכערהייט קרעפטן האט פארדאמט די אטאקע זאגענדיג אז די רעבעלן האבן אויסגענוצט דעם "טאג פון שטילקייט" בלויז צו שיסן אויף די אוקריינער קרעפטן.

אין די שטאט דאניעטסק איז פרייטאג אויך פארגעקומען אן אטאקע וואו איינער איז אומגעקומען און 3 זענען פארוואונדעט געווארן ווען א מיניבאס וואס איז געשטאנען נעבן די צענטראלע באן סטאנציע איז אטאקירט געווארן דורך "מארטאר שעלס". אן ענליכע "שעל" אטאקע איז אויך פארגעקומען אין לוהאנסק וואו 5 זענען אומגעקומען און 9 זענען פארוואונדעט געווארן. ביי ביידע אטאקעס איז נישט קלאר וועלכע פון די 2 זייטן איז פאראנטווארטליך פאר די שיסערייען.



אוקריינער טאנקען אויף דער וואך נעבן א פעלד אינעם דאניעטסק ראיאן אין מזרח אוקריינע.


# קהל עטרת צבי ליסקא

**1449 50th Street, Brooklyn NY**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

* * *

באנו להודיע

# שסעודת יומא דהילולא

י"ד מנחם אב הבעל"ט

של הגה"ק מרן בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע

יתקיים אי"ה

# ביום א' פרשת עקב בערב

בבית המדרש

ד'קהל עטרת צבי ליסקא

1449 50 סט.

תפלת מנחה בשעה 7:30, ואח"כ הסעודה

זכותו יגן עלינו ועכי"א

הגבאים